„די אידישע צייטונג" — דאנערשטאג, 31־טער מערץ 1966

# „יוגנטרוף"־באוועגונג פארדינט ערנסטע אויפמערקזאמקייט

X פון הערשל פאט

איך בלעטער מיט טיפער פאראינטערעסירונג די 4 נומערן „יוגנטרוף" ארויסגעגעבן פון דער אידישער יוגנט־ארגאניזאציע מיט דעם זעלבן נאמען, וואס האט זיך ארגאניזירט אין די שטאטן און קאנאדע מיט אן ערך צוויי יאר צוריק. און עס בעט זיך ווינטשן דער ארגאניזאציע גרויס דערפאלג אין זייערע אונטערגענומענע אקציעס צו פארווירקלעכן די אידייע פון שטארקן די מעגלעכקייטן פאר דער עקזיסטענץ פון אונזער אידיש לשון, צוריקגעווינען זיין חשוב ארט אויף א וועלט־מאסשטאב. מיר גייען מיט מיטן פונקט אין זייער פרינציפן־דערקלערונג, אז „אידיש איז פאר אונז א סימבאל און אן אויסדרוק פון א געוויסן וועלט־באנעם", אז „פאלקסטימלעכקייט, צוגעבונדנקייט צום פשוט'ן פאלקס־מענטש, דאס אפווארפן קאריעריזם און סנאביזם, וואס פירט צום אפרייסן זיך פון לעבעדיקן פאלק און פון זיינע ווערטן", איז א וויכטיקע אויפגאבע.

ווייל, קאן זיין א שענערער אויסדרוק, א בעסערע אפשאצונג פון דער באדייטונג פון שפראך און צילן וועלכע מ'שטעלט זיך צו דערגרייכן דורך דער שפראך?

דער טרוים און ציל אויסגעדריקט דורך „יוגנטרוף" איז געווענדעט, נעמען מיר אן, ניט בלויז צו יוגנט, נאר צו אונז אלעמען, ווייל דאס מיינט המשך. ווילט זיך זאגן:

מיינע יוגנטרוף־פריינט: וועלכער באוואוסטזיניקער איד זארגט ניט און האפט ניט פאר המשך? דאך מוזן מיר אריינקוקן דער ווירקלעכקייט אין פנים, ווי ווייטיקדיק עס זאל ניט זיין.

די מעגלעכקייט פאר דער פולער ווידער־אויפלעבונג פון דער אידישער שפראך איז א צווייפלהאפטע, עס איז א גאר קאמפליצירטע פראבלעם. אזוי [...]

[...] געווארן די צווייטע שפראך בא דער איבערוועגנדיקער מערהייט אידן. אבער אפילו אלס צווייטע שפראך מוזן מיר פירן א קאמף פאר איר אויפהאלטונג און פאר איר אנטוויקלונג.

## מען מוז פטור ווערן פון שלעכטער ירושה — צעשפליטערונג

דא קומט ארויף די אנגעווייטיקטע פראבלעם, די צו אונזער טיפן באדויער, פאנאדערצעטיילטקייט, די צעשפליטערונג אין אונזער קולטור־געזעלשאפטלעכן לעבן, לויט מיין מיינונג, אן איבערבלייבעכץ פונעם ביטערן נעכטן, וועלכער טאר בשום אופן ניט אריבערגעטראגן ווערן אינעם היינט, אויב מיר ווילן זיך פארזיכערן מיט א שעפערישן מארגן.

איר, „יוגנטרופניקעס" זענט אין א לאגע פון נישט איבערנעמען דעם הארב, וואס די אידישע געזעלשאפטלעכקייט טראגט אויף זיך זינט פיל יארן; א הארב פון צוויסטיקייטן און שטריטן, וואס האט געבראכט אזוי פיל שאדן באזונדערס אויף דעם קולטור־געביט.

פונקט ווי דאס אלגעמיינע לעבן, וואס זוכט פעסטע פערספעקטיוון רייסט זיך צו קא־עקזיסטענץ, צו פארשטענדיקונג, צו קאאפעראציע און האט שוין פארצייכנט געוויסע דערפאלגן אויף דעם געביט, אזוי וואלט אויך די שעפערישע אידישע יוגנט געדארפט שטרעבן צו פולער אחדות פאר דערגרייכן דעם ציל פון „יוגנטרוף". עס איז נויטיק אנצוהויבן פראקטיצירן אין אלע אידישע ארגאניזאציעס און באוועגונגען דעם געדאנק, אז עס איז פאראן מער ווי איין ענטפער צו מערסטע פראגן און אז דער צווייטער צד מוז ניט שטענדיק מסכים זיין מיט מיר צו זיין גערעכט.

„יוגנטרוף" הויבט אן זייער אויפרוף מיט דערקלערן: „היינט שטייט פאר דער אידישער געזעלשאפטלעכקייט די ברענענדיקע פראגע [...]

[...] טור־געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציעס זאלן אויסגעלאזט ווערן פון וויכטיקע פראיעקטן לטובת דער אידישער קולטור?.

ווי קומט עס, למשל, וואס באם ירושלים'ער וועלט־קאנגרעס פאר אידישער דערציאונג, מיט עטלעכע יאר צוריק, האט מען איגנארירט אזעלכע וויכטיקע קינדער־שולן ווי די פון ארגענטינע, פראגרעסיווע אידישע קינדער־שולן פון די שטאטן און קאנאדע, ווי אויך פון בראזיל?

ווי קומט עס, וואס באם שול־צוזאמענפאר פאראיארן אין ניו יארק, וואס האט זיך גערופן „וועלט־צוזאמענפאר" האט מען איגנארירט די פראגרעסיווע אידישע שולן אין די שטאטן, אין קאנאדע, און אויך פון אנדערע לענדער.

העלפט אזא האנדלונג און באציאונג אין דער דערמוטיקונג פון קעמפען פאר אידיש? העלפט עס ארויסרופן ענטוזיאזם פאר דער אידייע פון אידיש?

איך דערמאן דאס אלעס, ווייל איר „יוגנטרופניקעס" ווען בלויז דאן קאנען קרוינען אייערע־אונזערע צילן מיט דערפאלג, ווען איר וועט זיין די יעניקע, וואס וועלן פאדערן א חשבון־הנפש אין אידישן לעבן און העלפן אריינברענגען ארדענונג אויף דעם געביט.

## ניט מיטשלעפן דעם הארב פון נעכטן

עס איז דאך א ווייטיק און א חרפה, וואס עס איז געווארן פונעם אידישן טעאטער אין דער גרויסער אמעריקע מיט א ריזיקן אידישן ישוב פון איבער 5 מיליאן.

איז עס ניט א פאקט, אז ווען פארזוכן צו ראטעווען דאס אידישע טעאטער פון פולשטענדיקער פארשווינדונג זיינען געמאכט געווארן, זיינען די פארזוכן געווען א דורכפאל בלויז דערפאר, וואס אויך אין דעם פאל האט מען [...]

[...] זייער הויפט־אידייע זאל געקרוינט ווערן מיט דערפאלג מוזן די איניציאטארן פון אט־דער באוועגונג האלטן אינזינען די ביטערע דערפארונגען פון דער גארינשט צו ווייטער פארגאנגנהייט. איינהייטלעכע אקציע, אן מיטשלעפן דעם הארב פון נעכטן קאן זיין די ישועה. אויב נישט קומען מיר אום צוזאמען.

דער ערשטער פונקט פון דער פרינציפן־דערקלערונג פון „יוגנטרוף" זאגט: „אידיש איז פאר אונז מער ווי סתם א לינגוויסטיש אויסדרוק־מיטל. יעדער פון אונז קאן צוויי אדער מער שפראכן. אידיש איז אבער פאר אונז א סימבאל פון פאלקישער אידענטיפיקאציע. ס'פארבינדט אונז מיט אידן און אידיש לעבן איבער דער וועלט, מיט אידישע ליידן און פריידן, מיט אידישן חורבן און אויפבוי".

איז חורבן האבן מיר געהאט גענוג. לאמיר איצט טראכטן און ארבעטן פאר אויפבוי. לאמיר צוזאמען צולייגן אן אקסל צום אויפבוי. יעדע שטרוי, וואס דער שוואלב ברענגט העלפט בויען זיין נעסט.

די לעצטע ווערטער אין דער דערקלערונג פון „יוגנטרוף" לייענען זיך: „צוליב וואס פאר א סיבה מיר זאלן זיך ניט האבן פארבונדן מיט ,יוגנטרוף' זיינען מיר די יוגנטרופניקעס איצט די ווארטזאגער פאר אונזער דור".

איז דאס א נאבעלע פליכט און אויפגאבע. און טאקע מיט דער פאראנטווארטלעכקייט פון ווארטזאגער פון נייעם דור זיינען די יוגנטרופניקעס מסוגל ארונטערצוווארפן דעם אלטן הארב פון די אידישע פלייצעס. ווייל אינעם רוף לייענען מיר אויך:

„די ארגאניזאציע (יוגנטרוף) איז אומפארטייאיש. אין איר נעמען אנטייל בונדיסטן, פראגרעסיווע יונגעליט, ציוניסטן און מענטשן אן וועלכע עס איז פאליטישע נייגונגען. ,יוגנטרוף' שטעלט בלויז איין תנאי [...]

פֿאָלקס־מענטש, דאָס אָפּװאַרפֿן קאַ־
יעריזם און סנאָביזם, װאָס פֿירט צום
אָפּרײסן זיך פֿון לעבעדיקן פֿאָלק און
פֿון זײַנע װערטן", איז אַ װיכטיקע
אױפֿגאַבע.

װײַל, קאָן זײַן אַ שענערער אױס־
דרוק, אַ בעסערע אָפּשאַצונג פֿון דער
באַדײַטונג פֿון שפּראַך און צילן װעל־
כע מ'שטעלט זיך צו דערגרײכן דורך
דער שפּראַך?

דער טרױם און ציל אױסגעדריקט
דורך „יוגנטרוף" איז געװענדעט, נע־
מען מיר אָן, ניט בלױז צו יוגנט, נאָר
צו אונז אַלעמען, װײַל דאָס מײנט
המשך. װילט זיך זאָגן:

מײַנע יוגנטרוף־פֿרײַנט: װעלכער
באַװאוסטזיניקער איד זאָרגט ניט און
האָפֿט ניט פֿאַר המשך? דאָך מוזן מיר
אַרײַנקוקן דער װירקלעכקײט אין
פּנים, װי װײטיקדיק עס זאָל ניט זײַן.

די מעגלעכקײט פֿאַר דער פֿולער
װידער־אױפֿלעבונג פֿון דער אידישער
שפּראַך איז אַ צװײפֿלהאַפֿטע, עס איז
אַ גאָר קאָמפּליצירטע פּראָבלעם. אַזױ
איז עס דערפֿאַר, װײַל די פּאָזיציעס
װאָס מיר האָבן פֿאַרלאָרן אין משך
פֿון די לעצטע 25־30 יאָר (איך גײ דאָ
נישט אַרײַן אין די סיבות, װײַל זײ
זײַנען אַלעמען באַקאַנט) — די פּאָזי־
ציעס, װאָס מיר האָבן פֿאַרלאָרן קאָ־
נען מיר ניט צוריקגעװינען אין פֿולן.
עס איז מײַן מײנונג, אַז מיר מוזן
שלום־מאַכן מיטן געדאַנק, װי װײטיק־
לעך עס זאָל ניט זײַן, אַז אידיש איז

שטרײַטן, װאָס האָט געבראַכט אַזױ
פֿיל שאָדן באַזונדערס אױף דעם קול־
טור־געביט.

פּונקט װי דאָס אַלגעמײנע לעבן,
װאָס זוכט פֿעסטע פּערספּעקטיװן
רײַסט זיך צו קאָ־עקזיסטענץ, צו פֿאַר־
שטענדיקונג, צו קאָאָפּעראַציע און
האָט שױן פֿאַרצײכנט געװיסע דער־
פֿאָלגן אױף דעם געביט, אַזױ װאָלט
אױך די שפּעטערישע אידישע יוגנט גע־
דאַרפֿט שטרעבן צו פֿולער אחדות
פֿאַר דערגרײכן דעם ציל פֿון „יוגנט־
רוף". עס איז נױטיק אָנצוהײבן
פּראַקטיצירן אין אַלע אידישע אָרגאַ־
ניזאַציעס און באַװעגונגען דעם גע־
דאַנק, אַז עס איז פֿאַראַן מער װי אײן
ענטפֿער צו מערסטע פֿראַגן און אַז דער
צװײטער צד מוז ניט שטענדיק מסכים
זײַן מיט מיר צו זײַן גערעכט.

„יוגנטרוף" הײבט אָן זײער
אױפֿרוף מיט דערקלערן: „הײַנט
שטײט פֿאַר דער אידישער געזעל־
שאַפֿטלעכקײט די ברענענדיקע פֿראַגע
פֿון המשך". איז אױב המשך פֿון אי־
דיש לשון (הגם עס איז ביז גאָר װיכ־
טיק װאָס מ'דריקט אױס אין אידיש)
— איז קעמפֿן פֿאַר דער רעכט
און אַנטװיקלונג פֿון אידיש אין
תוך אַ פּראָגרעסיװע אידײע. אָבער
עס מאַטערט די פֿראַגע: װי קאָן מען
עס דערגרײכן װען מען דערלאָזט, אַז
װיכטיקע טײלן פֿון אידישע דערצי־
אונגס ־ אינסטיטוציעס, אידישע קול־

רופֿן ענטוזיאַזם פֿאַר דער אידײע פֿון
אידיש?

איך דערמאָן דאָס אַלעס, װײַל איר
„יוגנטרופֿניקעס" װעלן בלױז דאַן קאָ־
נען קרױנען אײַערע־אונזערע צילן מיט
דערפֿאָלג, װען איר װעט זײַן די יע־
ניקע, װאָס װעלן פֿאָדערן אַ חשבון־
הנפֿש אין אידישן לעבן און העלפֿן
אַרײַנברענגען אָרדענונג אױף דעם גע־
ביט.

## ניט מיטשלעפּן דעם האָרב פֿון נעכטן

עס איז דאָך אַ װײטיק און אַ
חרפּה, װאָס עס איז געװאָרן פֿונעם
אידישן טעאַטער אין דער גרױסער
אַמעריקע מיט אַ ריזיקן אידישן ישוב
פֿון איבער 5 מיליאָן.

איז עס ניט אַ פֿאַקט, אַז װען פֿאַר־
זוכן צו ראַטעװען דאָס אידישע טע־
אַטער פֿון פֿולשטענדיקער פֿאַרשװינ־
דונג זײַנען געמאַכט געװאָרן, זײַנען די
פֿאַרזוכן געװען אַ דורכפֿאַל בלױז דער־
פֿאַר, װאָס אױך אין דעם פֿאַל האָט מען
געשפּילט פּאָליטיק. אין ניו יאָרק איז
אַפֿילו געגרינדעט געװאָרן אַ מין
פֿאָלקס־באַװעגונג צו ראַטעװען דאָס
אידישע טעאַטער־װעזן, אָבער פֿיל גע־
טרײַע בױער פֿון דער אידישער קול־
טור האָט מען ניט נאָר איגנאָרירט,
נאָר מען האָט זײ נישט צוגעלאָזט מיט
זײער הילפֿס־גרײטקײט. האָט טאַקע די
באַװעגונג גאָר גיך אױסגעהױכט דעם
לעצטן אָטעם. בכדי „יוגנטרוף" אין

טען פֿאַר אױפֿבױ. לאָמיר צוזאַמען
צולײגן אַן אַקסל צום אױפֿבױ. יעדע
שטרױ, װאָס דער שװאַלב ברענגט
העלפֿט בױען זײַן נעסט.

די לעצטע װערטער אין דער דער־
קלערונג פֿון „יוגנטרוף" לײענען זיך:
„צוליב װאָס פֿאַר אַ סיבה מיר זאָלן
זיך ניט האָבן פֿאַרבונדן מיט ,יוגנטרוף'
זײַנען מיר די יוגנטרופֿניקעס איצט די
װאָרטזאָגער פֿאַר אונזער דור".

איז דאָס אַ נאָבעלע פֿליכט און
אױפֿגאַבע. און טאַקע מיט דער פֿאַר־
אַנטװאָרטלעכקײט פֿון װאָרטזאָגע־
פֿון נײַעם דור זײַנען די יוגנטרופֿני־
קעס מסוגל אַרונטערצואװאַרפֿן דעם
אַלטן האָרב פֿון די אידישע פּלײצעס.
װײַל אינעם רוף לײענען מיר אױך:
„די אָרגאַניזאַציע (יוגנטרוף)
איז אומפּאַרטײאיש. אין איר נעמען
אָנטײל בונדיסטן, פּראָגרעסיװע יונ־
געלײט, ציוניסטן און מענטשן אָן
װעלכע עס איז פּאָליטישע נײגונגען.
,יוגנטרוף' שטעלט בלױז אײן תנאי
צו זײַנע מיטגלידער—אַן אױפֿריכ־
טיק (און אַקטיװן) אינטערעס אין
שעפֿערישן קיום פֿון אונזער פֿאָלק".

זאָל מיר לסוף זײַן דערלױבט צו
ציטירן פּסח נאָװיק'ן, אין זײַן אַרטי־
קעל „אױפֿשטײג און געראַנגל פֿון
װעלטלעכקײט אין דער אידישער
אַמעריקע" אין „ידישע קולטור" פֿון
מאַי, 1965, װאו ער באַהאַנדלט טאַקע
דעם אױפֿקום פֿון „יוגנטרוף". פּ. נאָ־
װיק שרײַבט:

„דער קאַמף פֿאַר אידיש — איז
במילא פֿאַר די סאָציאַל־הומאַניס־
טישע אָנזאָגן פֿון די אידישע קלאַ־
סיקער — איז אַ קאַמף פֿאַר פּראָ־
גרעס, און אױך דאָס, דער פּראָגרע־
סיװער כאַראַקטער פֿון דער אידישער
פֿאָלקס־קולטור איז אַ סיבה פֿאַרװאָס
אין די ,הױכע פֿענצטער', װי פּראָ־
פֿעסאָר לאַנדיס דריקט זיך ריכטיק
אױס, װיל מען נישט קײן אידיש;
פֿאַרװאָס אױף אַלערלײ אסיפֿות
הערט מען נישט אַ אידיש װאָרט...
פֿאַראַן אַזעלכע, װאָס האָבן מוראָ
פֿאַרן גײסט פֿון אידיש . . . זײ קאָ־
נען ניט שלום מאַכן מיט פּרץ'עס
,װײסע, ברױנע, שװאַרצע, געלע'; זײ
װערן פֿאַרצאַפּלט פֿונעם געשרײ:
,װי שלאָגט עס אַ ברודער אַ צװײ־
טען!'".

פֿאַרענדיק איך, מײַנע אידיש־אי־
דײען־פֿרײַנט, מיט דער ברכה! זײט
מצליח אין אײַער שװערן אָבער װיכ־
טיקן װעג. גײט פֿאָראױס מיט גלײַכע
פּלײצעס, אָן נעכטיקע האָרבן צו גרױ־
סע דערפֿאָלגן.

מעלבורן, פרייטיק, 22 אָקטאָבער, 1965

# „יוגנטרוף״ ידיעות

חשובער רעדאקטאָר פון די
„יידישע נייעס״,
מיר בעטן אייך אָפּדרוקן אונ־
דזערע „ידיעות״ אין נאָענטסטן
נומער „יידישע נייעס״, און מיר
דאנקען אייך פאָרויס.
א פריילעכן יום־טוב אייך.
בעלאַ זינגער
סעקרעטאַרין פון סידנעיער יוגנטרוף.

---

צוואנציק יוגנטלעכע האָבן
זיך פארזאמלט, זונטיק, דעם
22טן אויגוסט און אויסגע־
הערט א שמועס פון פריינד מ.
אלעקסאנדער, אויף דער טעמע:
„וואָס מיינט יועלטלעכע יידיש־
קייט״. אַנדערהאַלבן שעה האָט
פריינד מ. אַלעקסאנדער פאר
אונדז אַנטוויקלט פארשידענע
אַספּעקטן פון יידישן לעבן,
יידישע געשיכטע און יידישן גע־
דאַנק. ער האָט געמונטערט די
יוגנטרופלער זיי זאָלן לייענען,
לערנען וועגן יידישקייט; קודם־
כל זאָלן זיי רעדן יידיש, באַ־
מיען זיך צו לייענען יידישע
זשורנאַלן, יידישע ביכער; שפּע־
טער וועלן זיי געפינען זייער
יידישן וועג אין לעבן. נאָכן
שמועס האָט מען געשטעלט
פראַגן און דיסקוטירט.

דר. פּ. בערגער האָט פאר־
בעטן דעם „יוגנטרוף״ צו זיך
אין הויז, און אין חודש דע־
צעמבער (וועגן דער גענויער
דאַטע וועלן מיר נאָך מעלדן
באַזונדער) וועלן מיר זיך אלע
טרעפן ביים דר. בערגער אין
הויז, אויף נומער 20 ביטש
סטריט אין קלאָוועלי. אחוץ כי־
בוד, וועט דר. בערגער לייענען
פאר אונדז א רעפעראַט אויף
דער טעמע „רמבם—דער דאָק־
טער״. אלע יוגנטלעכע ווערן
גערופן צו קומען פּינקטלעך
און מיטברענגען בחורים און
מיידלעך וואָס פארשטייען
יידיש.

ס'איז א גרייסער כבוד פארן
„יוגנטרוף״ און מיר וועלן באַ־
ווייזן, אַז מיר זענען דאָס ווערט.

פארן „יוגנטרוף״
**בעלאַ זינגער** (סעקרעטאַרין).

אויסטראַלישע יידישע נייעס

---

אויסגעלאָזט האָט זיך גאָר,
אַז דאָס זאַלץ און פעפער אויף
דער קאָנפערענץ פון „יוגנטרוף״
זענען געווען נישט די אַטראַק־
טיווע בחורים און טיכטיקע
מיידלעך פון „יוגנטרוף״, צווי־
שן וועלכע עס טיילט זיך
אַרויס מיט זיין אָריגינעלקייט
דער יונגיטשקער גאַבי טרונק
(אַ זון פון געטאָ - פאָרשער
ישעיהו טרונק) און מיט זיין
פירערישן ברען דער מאָנטרעאַ־
לער דוד־הירש ראָסקעס (וואָס
זיין שוועסטער, רות ראָסקעס,
האָט באַקומען איר דאָקטאָראַט
פון אידישער ליטעראַטור אין
קאָלומביער אוניווערסיטעט, און
זיינע עלטערן האָבן אַ שם ווי
מעצענאַטן אין דער אידיש־
וועלט, גאַנץ באַזונדער
פאַרליבטע אין דעם שרייבער
מלך ראַוויטש) — די לעבעדיק־
סטע מאָמענטן אויף דער קאָנפע־
רענץ פון „יוגנטרוף״ זענען גאָר
געווען אַרום דעם תורה'דיקן
רעפעראַט פון בן שבעימדיקן
ד״ר שלמה סימאָן וועגן פראַ־
געס פון טראַדיציע אינעם אי־
דישן לעבן, אויף וואָס עס האָט
פּאָלעמיזירנדיק אָפּגעענטפערט
מיט וועלטלעכן געוועזער דיר־
קרוב שבעימדיקער בנימין טאַ־
באַטשינסקי.

די וועטעראַנען האָבן אויף
דער קאָנפערענץ פון „יוגנטרוף״
מער זיך געהיצט ווי די יונגע:
די וועטעראַנען האָבן זיך גע־
היצט אַרום יאָ־ניט־טראַדיציע
אונדזי יינגע האָבן קיל אַרויסגע־
זאָגט זייער שטאַנדפּונקט וועגן
דעם וועמען מ'דאַרף קלייבן אין
רעדאַקציע אָדער ווי מ'דאַרף
איינשטעלן די וויטערדיקע אָר־
גאַניזאַציע און [illegible]פינאַנצן —

הינטער די יונגע בחורים און
מיידלעך, על פּי רוב סטודענטן
פון ניו יאָרקער אידישן לערער־
סעמינאַר, שטייט ד״ר מרדכי
שעכטער, אַליין אויך אַ יונגער.
כאָטש ער איז זייער פּראָפעסאָר
אינעם סעמינאַר — ער אַליין
איז נאָך קיין פערציק יאָר נישט
אַלט.

ד״ר שעכטער, אַ געשולטער
פילאָלאָג, רעדאַקטאָר פון „אויפן
שוועל״, האָט זיך לעצטנס קונה
שם געווען מיט זיין רעדאַקטירן
אליקום צונזערס געזאַמלטע
שריפטן אין אַזאַ אַקאַדעמישער
ראַם, אַז עס איז גרינג צו דער־
זען דעם פאָרשער מיט אַזאַ פּיע־
טעט צו דער פּען, ווי עס פּאַסט
פאַר ד״ר מאַקס וויינרייכס אַ
היימן חסיד. זיין אויסגאַבע
„אָרטאָגראַפישער וועגווייזער״
געבויט אויף דער אויטענטי־
שער איוואָ־אָרטאָגראַפיע, מיט
דער זשירע פון אַ מגין שרייי־
בערס - רעדאַקטאָרן און פּראָ־
גנעסאָרן פון פאַרשידענע ישו־
בים, איז געוואָרן אַ האַנטבוך
פאַר אַ סך. זעלטן איז אַ קליי־
נער טיראַזש פון אַן אויסגאַבע,
ווי דער „וועגווייזער״, אַזוי גרויס
און פּראַקטיש אויסגענוצט גע־
וואָרן אין אונדזער אידיש־וועלט.
זיין אייפער פאַרן איוואָ־אויס־
לייג איז אַזוי גרויס, אַז ביי איס
איז רעכט אָפּצושטעלן זיין אַבאָ־
נאָמענט אויף אַ ליטעראַרישער
אויסגאַבע, אויב זי היט נישט
אָפּ די איוואָ - אָרטאָגראַפיע,
און אויספאָדערן אַנדערע נאָנ־
צוטאָן זיין ביישפּיל... אָט אַ
דער יונגער אידיש־ענטוזיאַסט
שטייט הינטערן „יוגנטרוף״.
מ'זאָגט: ער איז די נשמה פון
„יוגנטרוף״...

— ער איז אָבער אַ שוואַכער
אָרגאַניזאַטאָר! — גיבן־צו קעג־
נערס אָדער די וואָס זענען אים
מקנא...

—ער קוקט מער אויף דער
אָרטאָגראַפיע פון דער יוגנט ווי
אויף דער יוגנט גופא... — קי־
בעצן אַנדערע.

אויף דער קאָנפערענץ פון
„יוגנטרוף״ איז טאַקע אינעם
צענטער פון די פאַרהאַנדלונגען
געשטאַנען — און ד״ר שעכ־
טער, דער איינציקער פון די על־
טערע, וואָס האָט גענומען אַ
וואָרט צו דער דיסקוסיע פון
דעם יונגוואַרג, איז צוגעשטאַ־
נען, מען זאָל נישט באַגאַטעלי־
זירן די פראַגע — ווער איז ראוי
צו שטיין ביי דער רעדאַקציע
פון דעם יוגנט־זשורנאַל.

עס איז טאַקע זעלטן צו געפי־
נען, חוץ די אויסגאַבעס פון אי־
דישן וויסנשאַפטלעכן אינסטי־
טוט אין ניו יאָרק, אַן אויסגאַ־
בע, וואו אידיש זאָל אַזוי זיין
אָפּגעהיט, געצערטלט, געפּוצט,
און די אָרטאָגראַפיע ווי די פונק־
ציע אַזוי אַקאַדעמיש גע־
צאַצקעט.

# שטריכן

## פון אַרומפאָרן איבער אַמעריקע

## אין 1965 – 1966

פון

שמואל ראָזשאַנסקי

# דער „יוגנטרוף" און זיין אָפקלאַנג

ד"ר מרדכי שעכטער האָט מיר געזאָגט:

— וואָס הייסט, איר געפינט זיך אין ניו יאָרק און בלייבט נישט איבער נאָך צוויי טעג, כדי צו באַזוכן די יערלעכע קאָנפערענץ פון „יוגנטרוף"?

די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן אַזוי פריינטלעך, אַז ס'איז אין איר נישט געווען קיין סימן פון פאָרוואורף; פון דעסט וועגן האָב איך זיך ממש געשעמט צו זאָגן, אַז מיין רייזע-קאַלענדאַר דערלויבט מיר נישט איבערצובלייבן נאָך צוויי טעג אין ניו-יאָרק.

— און טאַקע? מ'רעדט אַזוי פיל וועגן יוגנט און אידיש... ווי זשע קען איך דורכלאָזן די געלעגנהייט צו באַגעגענען זיך מיט יוגנט, וואָס אָרגאַניזירט קולטור-אַרבעט אין אידיש און גיט-אַרויס אַ זשורנאַל מיטן נאָמען „יוגנטרוף"?

דער ענין איז פאַר מיר געווען נאָך חשובער און אינטימער, ווייל איך האָב מיט בערך צוואַנציק יאָר צוריק באַזוכט אין ניו יאָרק, אין הויז פון ד"ר מאַקס וויינרייך, ווי עס האָט זיך געשאַפן דער ערשטער יוגנט-קרייז, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „יוגנטרוף" און וועלכער האָט אונטער אָט דעם טיטל אַרויסגעגעבן אַן אינטערעסאַנטע יוגנטשריפט. צווישן די ענטוזיאַסטישע טוערס פון יענעם יוגנטקרייז, גלייך נאָך דער צווייטער וועלט – מלחמה, האָבן זיך געפונען וויינרייכס ביידע געראָטענע זין, ביידע היינט פראָמינענטע פראָפעסאָרן, איינער פון זיי שוין מיט אַ וועלט-נאָמען אין אידישער פילאָלאָגיע, ד"ר אוריאל וויינרייך.

— ווי זשע קען איך דורכלאָזן די געלעגנהייט צו באַגעגענען זיך מיט דער יוגנט?

און אוודאי בין איך געבליבן.

:: :: ::

ווייזט אויס, אַז די טוערס פון „יוגנטרוף" האָבן נישט געהאַט אין זינען זייערע חסידים...

זיי איז אַפנים, גאָר אויפן געדאַנק נישט געפאַלן, אַז זיי דאַרפן זיך אויספיינען פאַר די חשובע שרייבערס און קולטור-מענטשן, וועלכע זענען געקומען טיף ערנסט פאַראינטערעסירט צו זען און הערן, וואָס די אָרגאַניזירטע אידיש-יוגנט זאָגט און טוט אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג...

ווייזט אויס, אַז זיי האָבן וועגן דעם גאָרנישט געטראַכט און אוודאי נישט פאַרטראַכט...

זיי האָבן דערפאַר גאָר נישט אויסגענוצט די גינציקע צייט פאַר דעמאָנסטראַציע...

ווען זיי וואָלטן דאָס יאָ געהאַט אין זינען, וואָלטן זיי מיט-

— און טאקע? מ'רעדט אזוי פיל וועגן יוגנט און אידיש... ווי זשע קען איך דורכלאזן די געלעגנהייט צו באגעגענען זיך מיט יוגנט, וואס ארגאניזירט קולטור־ארבעט אין אידיש און גיט־ארויס א זשורנאל מיטן נאמען „יוגנטרוף"?

דער ענין איז פאר מיר געווען נאך חשובער און אינטימער, ווייל איך האב מיט בערך צוואנציק יאר צוריק בייגעוואוינט אין ניו יארק, אין הויז פון ד"ר מאקס וויינרייך, ווי עס האט זיך געשאפן דער ערשטער יוגנט־קרייז, וואס האט זיך א נאמען געגעבן „יוגנטרוף" און וועלכער האט אונטער אט דעם טיטל ארויסגעגעבן אן אינטערעסאנטע יוגנטשריפט. צווישן די ענטוזיאסטישע טוערס פון יענעם יוגנטקרייז, גלייך נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האבן זיך געפונען וויינרייכס ביידע געראטענע זין, ביידע היינט פראמינענטע פראפעסארן, איינער פון זיי שוין מיט א וועלט־נאמען אין אידישער פילאלאגיע, ד"ר אוריאל וויינרייך.

— ווי זשע קען איך דורכלאזן די געלעגנהייט צו באגעגענען זיך מיט דער יוגענט?

און אוודאי בין איך געבליבן.

:: :: ::

ווייזט אויס, אז די טוערס פון „יוגנטרוף" האבן נישט געהאט אין זינען זייערע חסידים...

זיי איז אפנים ,גאר אויפן געדאנק נישט געפאלן, אז זיי דארפן זיך אויספינען פאר די חשובע שרייבערס און קולטור־מענטשן, וועלכע זענען געקומען טיף ערנסט פאראינטערעסירט צו זען און הערן, וואס די ארגאניזירטע אידיש־יוגנט זאגט און טוט אויף אן עפנטלעכער פארזאמלונג...

ווייזט אויס, אז זיי האבן וועגן דעם גארנישט געטראכט און אוודאי נישט פארטראכט...

זיי האבן דערפאר גאר נישט אויסגענוצט די גינציקע צייט פאר דעמאנסטראציע...

ווען זיי וואלטן דאס יא געהאט אין זינען, וואלטן זיי מסתמא געקראגן „א גרויסע פרעסע": עס זענען געווען שרייבערס פון צייטונגען, וועלכע וואלטן עס געוועון טאן. זיי האבן אבער דאס נישט געטאן, ווייל די יוגנט האט עס נישט געטאן. דאס איז געווים די סיבה, וואס די דאזיקע פארזאמלונג פון „יוגנטרוף" האט שפעטער נישט געפונען קיין אפרוף אין דער פרעסע...

אומבאמערקט איז די קאנפערענץ אדורך פאר דער עפנטלעכקייט און אין דעם איז געווען שולדיק די יוגנט אליין, וועלכע האט ארויסגעוויזן, אז עס פעלט איר די פעאיקייט ארויסצוקומען אויף אן עפנטלעכער טריבונע, הגם עס זענען צווישן די יוגנטלעכע געווען אזעלכע, וואס האבן שיין ארגומענטירט, און זיי וואלטן געווים געהאט מערער צו זאגן, ווען עס וואלט געווען צוגעגרייט.

„יוגנטרוף" האט דאס מאל אבער זיך נישט געקענט בארימען מיט ארגאניזאציע־פעאיקייטן.